

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

### תזריע

# וואלקעינאוס אויפן גאס

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים

כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון דיין טאטע

## פרשת תזריע

# וואלקעינאוס אויפן גאס

"טאטי, טאטי!" האט שימי געעפנט מיט איין אטעם די טיר אהיימקומענ'דיג פון חדר, נישט קלאפנדיג בעפאר. אן קיין 'א גוטן טאג', האט ער אריינגעשטורעמט אין הויז.

"א גוטן טאג שימי," האט דער טאטע אויפגעהויבן זיינע אויגן פון ספר, "די ערשטע זאך גריסט מען מיט דרך ארץ און בכלל, וואס איז געשען?!" האט ער זיך ממש דערשראקן פון שימי'ס שטורעם.

"טאטי, מיר מוזן פארן קיין הַאוַואִי," האט שימי אויסגעפלאצט, "וועסט קענען קויפן טיקעטס היינט?"

"וואס טיקעטס?" האט דער טאטע נישט פארשטאנען, "וואס זוכן מיר אין האוואי און פארוואס האסטו זיך היינט דערמאנט פון האוואי?"

"יא, ארי האלצבערג איז היינט צוריקגעקומען פון האוואי! זיין גאצע משפחה איז געפארן דארט אויף וואקאציע. ער זאגט אז ס'איז הערליך שיין דארט. די קריסטאל קלארע וואסערביים אוקיאן, די ריינע זאמד ארום דער וואסער, די הערליכע וועלדער און גארטענס און איבער אלעם, די וואלקעינאוס! טאטי, עכטע וואלקעינאוס! האסט שוין אמאל געזען א וואלקעינאו? מען קען זען די קאכעדיגע לאווע אריינפליסן אין די וואסער. ווייסט וואס דאס מיינט צו זען מיט די אייגענע אויגן די נפלאות הבורא? טאטי, שוין היינט דארפן מיר פארן קיין האוואי!"

שימי האט נאכגעזאגט מיט באק-ציינער וואס ארי האלצבערג האט אראפגעלייגט אזוי זאפטיג פאר די קינדער אז עס האט זיך געקענט דאכטן אז ער איז ממש דארט...

"אבער שימי, אפילו אויב איך וואלט געהאט די איבעריגע טויזענטערס, פארוואס זאל איך עס וועלן פארשווענדן אויף לוקסוס'דיגע רייזעס און בכלל, וואס זוכן מיר דארט? מיר האבן גארנישט פארלוירן אין יענעם עק וועלט. און איבער אלעם, וואס איז מיט שמירות עינים ווען מען דרייט זיך צווישן די גוים?"

"אבער דו זאגסט אלעמאל אז ס'איז זייער וויכטיג צו באטראכטן די נפלאות הבורא, און אויך רבי אביגדור מיללער רעדט שטענדיג פון דעם. ער אליין איז געווען א סימבאל ווי אזוי מען האט הנאה פון אויבערשטנ'ס וועלט. איך מיין אז אזא נסיעה איז ממש רוחניות, מען דארף זיכער אויסגעבן אסאך געלט פאר דעם, אזוי ווי פאר א לולב און אתרוג!"

"אוה שימי," האט דער טאטע זיך צולאכט, "ס'געפעלט מיר ווי דיין קאפ לויפט... אקעי, מען דארף דא אביסל קלארקייט. קום לאמיר אריינקלערן אין די וואכעדיגע סדרה."

"וואס, פרשת תזריע? מיינסט צו זאגן אז ארויסגיין חוץ למחנה איז נאר א זאך וואס מצורעים האבן געטון ווייל זיי האבן גערעדט לשון הרע?" האט שימי פראבירט צו מאכן סדר אין קאפ.

"ס'איז א געדאנק אבער נישט דאס האב איך געמיינט. קום ארויס אויף א שפאציר וועל איך דיר מיט אויבערשטנ'ס הילף, בעסער קענען מסביר זיין."

דער וועטער איז געווען אנגענעם. טאטע און זון האבן אראפשפאצירט האנט ביי האנט. ביים עק גאס האט זיך דער טאטע אפגעשטעלט.

"מיר ברויכן נישט קלעטערן ביז האוואי צו זען וואסערן און וואלקעינאוס. אלעס וואס מיר דארפן זען האבן מיר דא אויפן פלאץ."

שימי האט זיך ארומגעקוקט צומישט. ער האט נישט געזען קיין וואסערן און נישט קיין וואלקעינאוס, ער האט נאר געזען פאר די אויגן אן אפגעמעקטע האפ-סקאטש שפיל, וואס איינע פון די שכנים האבן געמאלן. "איך זע גארנישט!" האט ער געזאגט צו זיין טאטע.

"טראכט פאר איין מינוט, וואס האט דער מצורע געברענגט אינאיינעם מיט זיין קרבן?" האט דער טאטע געפרעגט.

"עץ ארז און אזוב האט שימי געוואוסט אין איין מינוט. ער האט עס נאר היינט געלערנט.

"געוואלדיג!" האט דער טאטע הנאה געהאט אז שימי לערנט פלייסיג.

"און וואס איז דאס?" האט דער טאטע ווייטער אויסגעפארשט.

"איך מיין אז ס'איז האלץ פון צוויי פארשידענעביימער." האט שימי פראבירט צו צוטרעפן.

"נישט פונקט. עץ ארז איז צעדער האלץ און א צעדער בוים איז זייער א הויכע מעכטיגע בוים אבער אזוב איז פונקט פארקערט, קליינע געוואוקסן אזוי ווי דו זעסט אויף דער שטאם פון יענע בוים דארט. פארוואס האט די תורה באפוילן פארן מצורע צו ברענגען פונקט די צוויי זאכן?



הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל איז מסביר אז איינע פון די סיבות פארוואס דער מצורע איז באשטראפט געווארן מיט די געפערליכע צרעת איז וויל ער האט פארגעסן זיך אפצושטעלן און באטראכטן די וואונדער פון דעם אויבערשטן ארום אים. ער האט נאר פארברענגט זיין צייט מיט נארישע וויצן און פלוידערן לשון הרע אנשטאט צו ניצן זיין צייט צו באטראכטן דעם אויבערשטנ'ס הערליכע וועלט.

"דערפאר דארף ער ברענגען ארז האלץ וויל ער האט פארפאסט צו באמערקן דער נפלאות הבורא פון דעם אויבערשטנ'ס גרויסע מעכטיגע ביימער. און אזוב דארף ער

ברענגען ווייל ער האט נישט אין אכט געלייגט ווי הערליך און וואונדערליך זענען די קליינע פלאנצונגען.

האסטו געוואוסט אז די אזוב קערענדלעך זענען אזוי פיצל אז זיי ווערן אוועקגעבלאזן מיטן ווינט ארום דער גאנצער וועלט און ווי אימער עס איז פייכט און נישט צו זוניג וועלן זיי וואקסן? דערפאר וועסטו באמערקן אז ביי אונזער זייט פון דער וועלט וועט די אזוב אייביג נאר וואקסן אויף צפון זייט פון בוים ווייל דאס איז די זייט פון בוים וואס באקומט די וויניגסטע זון שטראלן. דעריבער איז דא אויף די זייט מער נאסקייט און וואסער צו אונטערהאלטן דעם אזוב.

"און יעצט קוק אהין, שימי," האט דער טאטע געוויזן צום סיידוואוק. "און זאג מיר וואס דו זעסט."

"אוהא, קוק אויף די גראז וואס שפראצן ארויס פון צווישן די שפאלטענס פון די סיידוואוק," איז שימי געווארן באגייסטערט, "איך בין זיכער אז קיינער האט נישט איינגעפלאנצט גראז דארט, עס זעט נישט אויס ווי עס איז בכלל דא זאמד דארט אינעווייניג."

"יא, יא, ס'איז ממש א וואונדער!" האט דער טאטע צוגעשטימט, "אבער זאלסט וויסן אז די גראז איז פאקטיש א חלק פון די פעלד וואס דו זעסט דארט נעבן די סיידוואוק. די גרינע גראז זעען אויס קליין אבער אירעווארצלען וואקסן טיף טיף אריין אין דער ערד. די ווארצלען פון גראז קענען זיין גרעסער פון דיר און פון הויכע טאטעס! זיי גראבן זיך אריין טיף אין דער ערד, זיי צושפרייטן זיך און עס שפראצן ארויס נייע גראז איבעראל, אפילו פון צווישן די צעמענטענע סיידוואוק וועלן זיי טרעפן א פיצל שפאלט און ארויסשטעקן זייער קאפ...

און וואס טוען די אלע קליינע גרעזעלעך א גאנצן טאג? זיי נעמען אריין אין זיך אונזערע שמוציגע לופט וואס מיר אטעמען ארויס פון אונזער מויל און זיי רייניגן עס אויס אין זייער 'פעקטערי' און דערנאך געבן זיי ארויס ריינע קלארע אקסיגאן וואס מיר דארפן האבן זייער וויכטיג צום אטעמען. אין אנדערע ווערטער, זיי רייניגן די לופט פון דער וועלט אז מיר זאלן קענען אטעמען ריינע לופט. איז דאס נישט קיין חידוש?!"

"טאקע א וואונדער!" האט שימי געמוזט צושטימען. ער האט יעצט געכאפט אז ער דארף נאר עפענען זיינע אויגן און ער וועט טרעפן 'האוואי' אונטער זיין פענסטער! צום ערשטן מאל האט ער באמערקט די אלע פארשידענע ביימער, בלומען און פלאנצונגען, פייגלעך און באשעפענישן וואס דער אויבערשטער, מיט זיין גרויס חכמה האט אהערגעשטעלט.

"מען דארף טאקע נישט פארן ביז האוואי צו זען נפלאות הבורא," האט שימי געמוזט מודה זיין. "מען דארף נאר עפענען די אויגן!"

האב א פרייליכן שבת!

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**